בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ל"א

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת נח
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

### מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.

אַזוֹי וִוי דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בֶּעפָאר דִי 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים' אִין שׁוּלֶע, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט בַּיי דֶעם שִׁיעוּר עֶטְלִיכֶע הוֹרָאוֹת וָואס אִיז נוֹגֵעַ בַּיים 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים'.

### קִינְדֶער כַאפְּן אַלֶעס אוֹיף

אַ מְחַנֵּךְ, אַ מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין דַארְפְּן הֶערְן אַסאךְ שִׁיעוּרִים אוּן זִיךְ כְּסֵדֶר חַזֶרְ'ן אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער ווִילְן זַיין גוּט.

אוֹיךְ זָאל מֶען ווִיסְן אַז קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג, זֵיי כַאפְּן אַלֶעס אוֹיף; אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מִיט אַ אִינְגְל. אַ מִשְׁפָּחָה פוּן שְׁטֶעטְל הָאט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְּט צֶעטֵיילְן זֵייעֶרע קִינְדֶער לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה, הָאבְּן זֵיי אַוֶועק גֶעשִׁיקְט זֵייעֶר אַכְט נַיין יֶערִיג אִינְגְל קַיין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אוּנְזֶער חֵדֶר פוּן וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, יֶענֶער מְלַמֵּד אִיז אַ פְּרִישֶׁער מְלַמֵּד, עֶר הָאט קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט מְלַמְּדוּת.

אִיךְ פְּרֶעג דֶעם קִינְד: **"וָואס זָאגְסְטוּ צוּ דִי וִוילְיַאמְסְבּוּרְגֶ'ער חֵדֶר?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט"**, פְּרֶעג אִיךְ אִים נָאכְאַמָאל: **"זָאג מִיר דָאךְ עֶפֶּעס וֶועגְן דֶעם חֵדֶר"**, זָאגְט עֶר מִיר: **"עֶס אִיז זֵייעֶר פַיין, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חֵדֶר..."** פְּרֶעג אִיךְ אִים: **"וָואס הֵייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חֵדֶר?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"דֶער מְלַמֵּד הָאט זֵייעֶר אַ גוּט הַארְץ, זֵייעֶר אַ וֵוייכֶע הַארְץ, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס בַּיי מַיין רֶבִּי אִין שְׁטֶעטְל פָאלְגְט מֶען יָא"**, פְּרֶעג אִיךְ אִים: **"וָואס הֵייסְט?"** אִיז עֶר מִיר מַסְבִּיר, בַּיי דֶעם פְּרִישְׁן מְלַמֵּד, וֶוען אַ אִינְגְל שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֶפֶּעס אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אוּן דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: **"גֶעבּ עֶס אַהֶער"**, אוּן דֶער אִינְגְל זָאגְט: **"נֵיין"**, אוּן דֶער רֶבִּי בֶּעט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן דֶער אִינְגְל זָאגְט נָאכְאַמָאל **"נֵיין"**, זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: **"אָקֶעי, דֶעמָאלְט לֵייג עֶס אַוֶועק!"** - פְּרֶעגְט מִיר דֶער אִינְגְל: **"פַארְוָואס בְּלַייבְּט נִישְׁט דֶער רֶבִּי שְׁטַארְק מִיט וָואס עֶר זָאגְט אַזוֹי וִוי מַיין רֶבִּי פוּן שְׁטֶעטְל?!"**

אִיךְ פְּרֶעג דֶעם קִינְד, גֶעבּ מִיר נָאךְ מְשָׁלִים, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר, יֶענֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ אִינְגְל: **"גֵיי צוּם מְנַהֵל!"** דֶער אִינְגְל הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, הֵייבְּט עֶר אָן שְׁרֵייעֶן: **"אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן גֵיין צוּם מְנַהֵל!"** דֶער אִינְגְל הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: **"אָקֶעי, דֶעמָאלְט בְּלַייבּ דָא"**, דֶער אִינְגְל זָאגְט מִיר: **"בַּיי מַיין רֶבִּי פוּן שְׁטֶעטְל וֶוען עֶר זָאגְט אַ וָוארְט - גֶעשֶׁעט וָואס עֶר זָאגְט"**.

דֶער שְׁמוּעֶס הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אַפִילוּ אַזַא קְלֵיין קִינְד פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אוֹיךְ פוּנְקְטְלִיךְ' אוּן ווִיל דִי שְׁטַארְקֵייט פוּן זַיין מְלַמֵּד, אַ קִינְד הָאט לִיבּ אַ רֶבִּי וָואס פַארְלַאנְגְט מֶען זָאל פָאלְגְן, עֶר זָאגְט אִיבֶּער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זַיין פַארְלַאנְג אוּן וֶוערְט נִישְׁט שְׁוַואךְ פַאר אַ קִינְד.

דֶער מַעֲשֶׂה מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק יֶענֶער מְלַמֵּד, וַוייל אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדְן פְּרִישְׁן מְלַמֵּד, עֶס נֶעמְט צַייט צוּ כַאפְּן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט ווִילְדֶעוֶוען, נָאר מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ אוּן זָאגְן נָאכְאַמָאל שְׁטַארְק: **"דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן דוּ מוּזְט אַהֶער בְּרֶענְגֶען דַיין שְׁפִּילְצֵייג! "מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן אִינְמִיטְן חֵדֶר!"**

## • 'אֲסִיפַת הוֹרִים'

### רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער נָאר זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר זֵיי

דִי מְנַהֶלֶת הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אִין אַ בְּרִיוו אוֹיבּ מֶען קֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּלֶע בְּרִיוְון פוּן 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה'; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער נָאר פוּן זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר זֵיי.

מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען דֶעם גַאנְצְן קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", עֶס אִיז נִישְׁט דָא פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן אַז קִינְדֶער לֵיינֶען דָאס, וָואס וֶועלְן זֵיי זֶען דֶערִין? זֵיי וֶועלְן נָאר זֶען אִין דֶעם 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אָבֶּער אַז מֶען מַאכְט דֶערְפוּן אַ לִימוּד, דַארְף מֶען אוֹיפְזוּכְן בְּרִיוְון וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר זֵיי, פוּן זָאגְן תְּהִלִים, פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, פוּן מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים.

### זִיךְ פָארְגְרֵייטְן וָואס מֶען גֵייט רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אַפָּאר טֶעג פַאר דֶעם 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים' אִין שׁוּלֶע, וָואס דִי לֶערֶערִינְס וֶועלְן זִיךְ טְרֶעפְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן. מֶען דַארְף ווִיסְן אַז נִישְׁט יֶעדֶע לֶערֶערִין - אַפִילוּ גֶעלוּנְגֶענֶע לֶערֶערִינְ'ס - וֵוייסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט עֶלְטֶערְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט עֶלְטֶערְן, נִישְׁט יֶעדֶע מַאמֶע וָואס טוֹיגְט צוּ אִירֶע קִינְדֶער מֵיינְט שׁוֹין אַז זִי קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ פָארְגְרֵייטְן וָואס מֶען גֵייט רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן. מֶען דַארְף ווִיסְן, אַז מֶען הָאט אַ קִינְד וָואס מֶען אַרְבֶּעט מִיט אִיר שְׁוֶוער אִין כִּתָּה, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר דִי מַאמֶע: **"דַיין קִינְד אִיז גֶעפֶערְלִיךְ!"** אוּן מֶען קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זָאגְן

קַיין לִיגְנְט אַז אַלֶעס אִיז פֵיין.

אַסַאךְ מָאל הַאלְט אִיךְ פָּאר עֶלְטֶערְן וֶועגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַז זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אִין חֵדֶר, פְרֶעגְן מִיר דִי עֶלְטֶערְן צוּרִיק: "**וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? מִיר טְרֶעפְן כְּסֵדֶר דֶעם מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין פוּן אוּנְזֶער קִינְד, זֵיי זָאגְן אוּנְז אַלְץ: 'מוֹרָא'דִיג', אוּן 'אַלֶעס אִיז פֵיין', אוּן יֶעצְט זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא בַּיי זֵיי קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ?!**" אִיךְ עֶנְטְפֶער זֵיי, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז אַ נֵייעֶר מְלַמֵד אוּן אַ נֵייעֶ לֶערֶערִין וָואס וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן דֶעם אֶמֶת פוּן זֵייעֶר קִינְד.

### נִישְׁט רֶעדְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן מִיט סְתַּם לֶערֶערִינְס

אוֹיבּ מֶען הָאט אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס מֶען דַארְף אַבִּיסְל הִילְף פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף חִינוּךְ אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיז כְּדַאי מֶען זָאל עֶס פַארְדֶעם דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת. מֶען קֶען עֶס נִישְׁט דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן קַיין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן מִיט סְתַּם לֶערֶערִינְס אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶערוֹיף, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל זָאל ווִיסְן פוּן אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס עֶר הָאט מִיט זַיין קִינְד... אַז מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט אַ קִינְד דַארְף מֶען עֶס זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען זָאל עֶס פַארְדֶעם דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת ווִי אַזוֹי מֶען זָאל עֶס זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

### אוֹיף 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' דֶעם גֶעבּ אִיךְ יָא פֶּעטְשׁ

זָאגְן פַאר עֶלְטֶערְן: "**אַלֶעס אִיז גוּט**", "**אַלֶעס אִיז גוּט**" - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג.

אִיךְ זָאג פַאר דִי מְלַמְדִים פוּן מַיינֶע קִינְדֶער: "**אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט מִיר אַז מַיין קִינְד אִיז גוּט וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, בִּין אִיךְ דִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹחֵל! רוּף מִיךְ אַרַיין אִין כִּתָּה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ ווִיל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ ווִיל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט גוּטֶע מִידוֹת**". אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעדַארְפְט גֶעבְּן פֶּעטְשׁ אִין חֵדֶר פַאר מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אוּן בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעקֶענְט מְחַנֵךְ זַיין. עֶס אִיז אֶמֶת אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער אוּן מוֹהֲרָ"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן דֶערְפוּן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ שְׁלָאגְט מֶען פוּן כַּעַס. וֶוען אַ קִינְד דְרֵייְדְט עֶפֶּעס אִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים קוּמְט אִים נִישְׁט קַיין פַּאטְשׁ, מִיר קֶענֶען אוֹיךְ אַמָאל אִיבֶּער דְרֵייעֶן, אוּן אַז עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, וִוי אַ קִינְד אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אָדֶער אַ קִינְד הָאט זִיךְ צֶעקְלַאפְּט, אוּן דוּ בִּיסְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן - וואוּ קוּמְט דָא אַרַיין שְׁלָאגְן?! דוּ קֶענְסְט דָאךְ אוֹיךְ אַמָאל בְּטָעוּת צֶעקְלַאפְּן אַנְדֶערֶע! דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער סְתַּם אַזוֹי.

אָבֶּער מֶען דַארְף לֶערְנֶען אַ קִינְד 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', אוֹיף דֶעם גֶעבּ אִיךְ יָא פֶּעטְשׁ, שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "**חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ**", וֶוער עֶס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם שְׁטֶעקְן, דֶעם פַּאסִיג פוּן זַיין קִינְד - הָאט אִים פַיינְט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲרָטָה אוֹיף קַיין אֵיין פַּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן וֶועגְן 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'.

אַז אַ קִינְד כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף רֶעכֶענֶען - אִיז גָארְנִישְׁט, אוּן אַפִילוּ אַ קִינְד וָואס כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען דָא אִין יְשִׁיבָה בַּיי דִי זִיבֶּעצְן יָאר, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן פוּן רֶבִּי'נְס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עז), עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן 'זָאגְן' גְמָרָא, אֵיין טָאג קוּמְט עֶר צוּ צוּ מִיר אוּן וַוייזְט מִיר אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'נְס נָאמֶען אִין דִי גְמָרָא, עֶר וַוייזְט מִיר אִינֶעוֵוייניג ווִי עֶס שְׁטֵייט: "**רַב נַחְמָן**"... אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז דִי גְמָרָא אִיז שׁוֹין גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר 'זִיבֶּעצְן הוּנְדֶערְט יָאר' צוּרִיק אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶעבְּט בְּעֶרֶךְ 'צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר' צוּרִיק. דֶער בָּחוּר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט, מִיט דִי צַייט הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַסַאךְ אַסַאךְ גְמָרָא, אוּן הַיינְט קֶען עֶר שׁוֹין לֶערְנֶען.

דִי הַלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, הִלְכוֹת מְלַמְדִים, סִימָן רמה, סְעִיף ט): "**אֲפִלּוּ תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין לִקְרוֹת, לֹא יְסַלְקוּהוּ מִשָּׁם**", אַפִילוּ אַ קִינְד וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען אִים נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן, "**אֶלָּא יֵשֵׁב עִם הָאֲחֵרִים, אוּלַי יָבִין**", עֶר זָאל בְּלַייבְּן זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵיין יָא, אֶפְשָׁר מִיט דִי צַייט וֶועט עֶפֶּעס וֶוערְן פוּן אִים, - דָאס אִיז וֶוען דֶער קִינְד הַאלְט נִישְׁט מִיט, אָבֶּער אוֹיף 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', אַז אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, דַארְף מֶען אַרַיין מִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן הֶעלְפְן דֶעם קִינְד.

### חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 2-4-2-1**

**- שמעו ותחי נפשכם -**

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט שְׁטַארְקֶע פְּחָדִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל וָואס אִיר גֶעבְּט פַאר מִיר, פַאר מַיין וַוייבּ, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר וֶועם נִישְׁט. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵׁם אַ מְלַמֵד, אוּן אִיךְ שֶׁעפּ מַיין חָכְמָה פוּן אַייעֶרֶע בְּרִיוְון, גִלְיוֹנוֹת שִׁיעוּרִים, חִיזוּק יוֹמִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ אַ קִינְד אִין מַיין קְלַאס וָואס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחְדָן, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אֵיינֶעם אַדְרֶעסִירְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער הֱיוֹת אִיךְ הֶער אוֹיס יֶעדֶע שִׁיעוּר אַייעֶרֶע, בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער דִי מְלַמְדִים אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב ווִי זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אוֹיף זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן, הֶער אִיךְ דָארְט ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְצֵיילְט פוּן אַ קִינְד וָואס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד אַז דֶער מְלַמֵד אָדֶער בָּאס דְרֵייוֶוער גֵייט אִים אִיבֶּערְלָאזְן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט דָארְט אַרוּם ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם קִינְד, דֶער מְלַמֵד מַאכְט עֶס מִיט חָכְמָה, נִישְׁט אִיבֶּערְצוּלָאזְן דָאס קִינְד קֵיינְמָאל אַלֵיין.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אַן הַנְהָגָה אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט פְּחָדִים, וַוייל אִיךְ טְרַאכְט אַז מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט בַּאגְלֵייטְן דָאס קִינְד זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, ווִי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס אַזַא קִינְד זִיךְ צוּ סְפְּרַאוֶוען מִיט דִי פַּחַד? אִיז דָאס טַאקֶע דֶער לֶעזוּנְג אַז דֶער מְלַמֵד זָאל מִיטְנֶעמֶען דָאס קִינְד מִיט זִיךְ אִיבֶּעראָל וואוּ עֶר גֵייט? דָאס קִינְד וֶועט דָאךְ

# המשך
# בִּנְיָן פוּן חִינוּךְ

### פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

אַזוֹי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ לֶעבְּן נָארְמַאל?

אִיךְ פְּרֶעג וַוייל אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַזַא קִינְד אִין מַיין קְלַאס וָואס הָאט שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים, אִיךְ הֵייבּ אִים אוֹיף אוּן אִיךְ רֶעד אַסַאךְ מִיט אִים אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער חֵלֶק אַז בִּיז דֶערְוַוייל בַּאגְלֵייט מֶען דָאס קִינְד כְּסֵדֶר, כַּאפּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג. אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע מְהַלֵּךְ אִין דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, דַיינֶע תַּלְמִידִים - אֱמוּנָה, רֶעד אַסַאךְ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מֶער דוּ וֶועסְט רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, וַוייל אֱמוּנָה נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים.

בְּנוֹגֵעַ דַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט שְׁטַארְקֶע פְּחָדִים; אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים אוּן דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִים פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר וֶוערְן אַ גֶעזוּנְט קִינְד.

אַז דוּ רֶעדְסְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין חֵדֶר אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן דִי סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

פַאר לַאנְגֶע חֲדָשִׁים הָאט דֶער קִינְד נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ וַוארְפְן פַאר שְׁרֶעק, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד נָאכְדֶעם וָואס אַ בָּאס דְרַייוֶוער הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן סֵדֶר צְוִוישְׁן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער וָואס טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיפְ׳ן בָּאס וֶועג אַהֵיים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: ״וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט פָאלְגְן וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מִיט קוּמֶען אוֹיפְ׳ן בָּאס, עֶר וֶועט בְּלַייבְּן אַלֵיין אִין חֵדֶר!״ דֶער קִינְד הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד אַז מֶען גֵייט אִים אִיבֶּערְלָאזְן אִין חֵדֶר, עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען אִין חֵדֶר; גַאנְצֶע טֶעג אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן וֶוען זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים גֶעהֵייסְן גֵיין אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט וֵויינֶען אוּן שְׁרֶעק.

אִין חֵדֶר הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֶערִירְט פוּן זַיין מְלַמֵּד; דֶער מְלַמֵּד אִיז אַן עֶרְלִיכֶער, אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער, פְלֶעגְט עֶר אִים מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ, עֶר הָאט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיפְ׳ן קִינְד. וֶוען דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אָפִּיס - אִיז עֶר מִיט גֶעגַאנְגֶען, וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן - אִיז עֶר מִיט גֶעגַאנְגֶען. דִי קִינְדֶער פוּן כִּתָּה הָאבְּן אִים מְקַנֵּא גֶעוֶוען, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן ׳דִי קִינְדֶער זֶענֶען מִיר מְקַנֵּא, זֵיי מֵיינֶען אַז אִיךְ גֵיי מִיט דִי רֶבִּי וַוייל אִיךְ בִּין אַ מְיֻחָס, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס פַאר אַ יְסוּרִים אִיךְ הָאבּ׳.

עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים גֵיין אַ שָׁעָה פְרִיעֶר וַוייל דִי לֶעצְטֶע שָׁעָה פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַמָּשׁ וַוארְפְן פַאר שְׁרֶעק אַז אֶפְשָׁר גֵייט מֶען אִים אִיבֶּערְלָאזְן. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין זוּנְטָאג אוּן פְרַייטָאג אִין חֵדֶר, וַוייל דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין וֶועג אַהֵיים פְרִיעֶר.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער דִי פָאר חֲדָשִׁים; דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן פַארְגָאסְן אַסַאךְ טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַארְ׳ן קִינְד אוּן דֶער מְלַמֵּד הָאט אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועןֹ פַארְ׳ן קִינְד.

דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער טַאטֶע פוּנֶעם קִינְד אַז זַיין זוּן זָאגְט אִים עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס עֶר הָאט אַזוֹי מוֹרָא גֶעהַאט, עֶר קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דָא מוֹרָא צוּ הָאבְּן...

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער טַאטֶע, אַז זַיין קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין שׁוּל וַוייל אוֹיפְ׳ן וֶועג זֶענֶען דָא הִינְט וָואס בִּילְן, דֶער קִינְד פְלֶעגְט הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים פוּן דִי הִינְט.

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַלְץ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דִי הִינְט בִּילְן - אָבֶּער קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט; בִּיז דֶער קִינְד הָאט שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא, עֶר גֵייט אִין שׁוּל אָן קַיין שׁוּם פַּחַד, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען שְׁרֶעק, רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה.

מֶען דַארְף הָאבְּן מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אֱמוּנָה מִיט תַּלְמִידִים נָאר אַז מֶען הָאט אַלֵיינְס אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; אַז דֶער מְלַמֵּד אַלֵיינְס קְוֶוענְקֶלְט אוּן אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט אֱמוּנָה, עֶר אַלֵיינְס פַאר זִיךְ הָאט פְּחָדִים, עֶר נֶעמְט פִילְן פַאר פְּחָדִים - וִוי אַזוֹי קֶען עֶר הֶעלְפְן זַיינֶע תַּלְמִידִים?

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שלח, תשפ״א)

## וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַסְבִּיר אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן אוֹיף אוּנְזֶער לֶעבְּן.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן כְּסֵדֶר צוּ מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אָבֶּער מַיין אִינְגְל, צֶען יָאר אַלְט, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען בַּיינַאכְט אַז פַאר עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע טְרַאכְט עֶר מָאדְנֶע זַאכְן, עֶר טְרַאכְט אַז וָואס עֶר גֵייט יֶעצְט זָאגְן אִין קְרִיאַת שְׁמַע אִיז נִישְׁט אֱמֶת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן עֶס שְׁטֶערְט אִים.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אוּן מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ קִינְד אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ אַז יָא דָאס אִיז אֱמֶת אַז מִיר הָאבְּן אֵיין אֵיינְצִיגֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל׳ שׁוֹבָבִי״ם, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער וָואס מֶער פוּן אֱמוּנָה - וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וַוייל וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן י): ״אֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם״, אֱמוּנָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מוֹיל; דוּרְךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה - בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה. אַלֶע דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין אֱמוּנָה.

עֶס אִיז גוּט אַז דַיין וַוייבּ זָאל מַאכְן חַלּוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּן בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלֶּה זָאל זִי בֶּעטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב׳, סִימָן יד): ״אִשָּׁה הַזְּהִירָה בְּחַלָּה״, אַ פְרוֹי וָואס שֵׁיידְט אָפּ חַלֶּה, ״בָּנֶיהָ בַּעֲלֵי אֱמוּנָה״, וֶועלְן אִירֶע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִּיקִים; דִי תְּפִילּוֹת וָואס עֶלְטֶערְן בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע סְגוּלָה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה 290, פרשת תרומה תשפ״ג)

## וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ ווִיל פְּרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי צַייט וָואס פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער – אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה. קִינְדֶער וָואס הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן", "מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף", "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" – וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

קִינְדֶער כַאפְּן זִיךְ מֶער צוּ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:): "בִּתְחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, הָיְתָה הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד", פַאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, "כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", אָבֶּער וִויבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט – אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען; וָואס אִיז דָאס 'שְׁכִינָה'? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֱלוֹקוּ שֶׁל עוֹלָם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַזוֹי אוֹיךְ וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דָאס מֵיינְט 'הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה' – דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִים. דֶעמָאלְט הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיט אִים אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט זַיין נָאנְטֶער חַבֵר.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן גֵייט אַרַיין אִין אִים חָכְמוֹת, שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי וֶועלְט וְכוּ'; מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן, אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶערִיבֶּער קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ רֵיין – טוּעֶן דִי מִצְוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֱמֶת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, צוּ זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶוערְטֶער אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

זָאלְסְטוּ זֶען צוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים. דֶערְצֵייל זֵיי כְּסֵדֶר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען בֶּעט אִים, זָאלְן זֵיי הֶערְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן גְרוֹיס דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִין זֵיי אַרַיינְגֵיין אַ פֵייעֶר פוּן קְדוּשָּׁה.

קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס פְלַאקֶערְט אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן – זָאגְט דֶער רֶבִּי – אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ז', מכתב תרסז)

## וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר מַיין קִינְדֶער אוֹיף אֱמוּנָה שְׁאֵלוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק.

מַיין פִיר יֶערִיגֶע טָאכְטֶער פְרֶעגְט מִיר שְׁאֵלוֹת, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן.

זִי פְרֶעגְט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא? דָא בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים? עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען פוּן דִי טִיר? אִין וֶועלְכֶע שְׁטוּב אִיז עֶר? וִוי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אַז מֶען הָאקְט נִישְׁט אַרַיין אִין אִים וֶוען מֶען גֵייט אוּן מֶען רִירְט זִיךְ? אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז מַיין טַאטֶע? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע, עֶר אִיז נִישְׁט מַיין טַאטֶע. אִיז עֶר אוֹיךְ דַיין טַאטֶע?

וָואס דַארְף אִיךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַזֶעלְכֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דוּ וֵוייסְט פוּן אֱמוּנָה – זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; דוּ וֵוייסְט דָאךְ דֶעם דְרִיטְן אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף, וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל", דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט זֶען; דָאס זָאלְסְטוּ פְּרֶעדִיגְן אִין דַיינֶע קִינְדֶער, פוּן דִי גָאר פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ אִין דִי וִויגֶעלֶע; זִינְג מִיט זֵיי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל אִים בֶּעטְן", אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת, זָאלְסְטוּ זֵיי עֶנְטְפֶערְן דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט נִישְׁט אַרַיין פוּן קַיין פֶענְסְטֶער, פוּן קַיין טִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל".

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן פְרַאגֶעס פוּן קִינְדֶער אוּן נִישְׁט פוּן פְרַאגֶעס פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע, אוֹיף אַלֶע פְרַאגֶעס אִיז דָא אֵיין תֵּירוּץ: "עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מְהַוֶּה אוּן מְחַיֶּ' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז עֶר"; דָאס אִיז דִי עֶנְטְפֶער אוֹיף אַלֶע פְרַאגֶעס.

וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה וֶוערְט מֶער אוּן מֶער לִיכְטִיג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע טוּנְקֶלְקֵייטְן, פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי וִוי מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – הוֹיבְּן זִיךְ אָן אַלֶע צָרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה 267, פרשת עקב, תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876